# עפענדיקס B

# אבסטראקטן

# פראגע 1 אויפן בעלאט

## פארגעלייגטע פאררעכטונג צום טשארטער: פארשנעלערן דעם פראצעדור פון געבן א צוריקנעמבארע דערלויבעניש (Revocable Consent) פארן באנוץ פון פובליק ערטער

דער פארשלאג וועט פאראיינפאכן דעם פראצעס פאר די שטאט צו געבן א "צוריקנעמבארע דערלויבעניש" פאר אן אייגנטימער צו נוצן פובליק באדן פאר פריוואטע צוועקן, ווי למשל בענק, ראמפעס, בלומען־טעפ און קאפע־הייזער. דאס וועט אפשאפן א פאדערונג, אז א שטאטישע אגענטור זאל מוזן אפהאלטן א הערונג איידער מען גיט א צוריקנעמבארע דערלויבעניש און דער פאדערונג צו מעלדן אין צייטונגען פאראויס פון פובליק הערונגען איבער צוריקנעמבארע דערלויבענישן און קאנצעסיעס (franchises). לגבי קאפע-הייזער אויפן גאס, וועט די פארגעלייגטע פאררעכטונג צום טשארטער אוועקנעמען די מעגליכקייט פונעם שטאט-ראט צו זיך קעגנשטעלן צו דעם, אבער וועט אנהאלטן די פאדערונג צו לאזן מעלדן די רעלעוואנטע קאמיוניטי באורד, דעם פרעזידענט פונעם בארא און דער שטאט-ראט מעמבער.

### צוריקנעמבארע דערלויבענישן

פריוואטע מענטשן און פירמעס מעגן נוצן שטאטישע פובליק ערטער נאר אין געוויסע אומשטענדן און נאר מיט דער ערלויבעניש פון דער שטאט. א פריוואטע פירמע וואס שטעלט צו א פובליק דינסט, ווי למשל אן עלעקטרישע פונקציע אדער באס שוץ סטאנציעס, מוז באקומען א קאנצעסיע פון דער שטאט כדי אויפצושטעלן אירע איינריכטונגען. די שטאט גיט אויך דערלויבענישן צו בויען און אונטערהאלטן געביידעס איף אדער אונטער גאסן און טראטוארן דורך וואס עס רופט זיך א "צוריקנעמבארע דערלויבעניש"

אזעלכע דערלויבענישן ווערן אפט געגעבן פאר אייגנטימער אדער געשעפטן צו לייגן פארשיידענע איינריכטונגען אויפן טראטואר פארנט פון זייער אייגנטום. צווישן די געוויינלעכע ביישפילן פון צוריקנעמבארע דערלויבענישן זענען א צוטריט־ראמפע, א פלאץ פאר מיסט־קאסטנס, אדער א זיץ-באנק אויפן טראטואר. א רעסטאראן אייגנטימער מוז באקומען סיי א לייסענס און סיי א צוריקנעמבארע דערלויבעניש צו פירן א קאפע־הויז אויפן טראטואר אדער אויפן גאס פארנט פונעם געשעפט. די שטאט קען צוריקציען אזא דערלויבעניש סיי ווען. יעדער אזא דערלויבעניש פארלאנגט א יערליכן אפצאל צו פארגיטיגן די שטאט פאר'ן באנוץ פון פובליק באדן.

כדי צו באקומען א צוריקנעמבארע דערלויבעניש, דארף א מענטש אדער א געשעפט אריינגעבן א בקשה ביים דעפארטמענט פון טראנספארטאציע (DOT). דער DOT, אדער ווען עס רעדט זיך פון טעלעקאמוניקאציעס אינפראסטרוקטור - דער אפיס פאר טעכנאלאגיע און אינאוואציע (OTI), דארף אפהאלטן א פובליק הערונג, און דער פעטיציאנער דארף באצאלן פאר'ן פארעפנטלעכן מעלדונג וועגן דעם הערונג צוויי מאל אין ארטיגע צייטונגען. מען דארף אויך לאזן מעלדן דעם ארטיגן קאמיוניטי באורד, דעם שטאט־ראט מעמבער, און פארעפנטלעכן א מעלדונג אינעם סיטי רעקארד במשך פופצן טעג. נאכדעם קען דער DOT (אדער דער OTI, מיט די הסכמה פונעם DOT) געבן די צוריקנעמבארע דערלויבעניש, אפהענגיק אין דער באשטעטיגונג פונעם מעיאר. ענליכע הערונגען און פאדערונגען פון מעלדן גייען אויך אן פאר קאנצעסיעס.

צוריקנעמבארע דערלויבענישן פאר קאפע־הייזער אויפן גאס זענען אפן צו נאך געפאדערטע פראצעדורן. א פארגעלייגטע קאווע־הויז אויפן גאס דארף ערשט דורכגיין א באטראכטונג ביים ארטיגן קאמיוניטי באורד. און, אויב דער DOT גיט די צוריקנעמבארע דערלויבעניש, קען דער שטאט־ראט שטימען זי אפצולייקענען. קאפע־הייזער אויפן גאס, וואו די זיצן געפינען זיך אויפן גאס אליין און נישט אויפן טראטואר, זענען נישט אונטער די צוגעגעבענע פאדערונגען.

יולי 23, 2026

**די פארגעלייגטע ענדערונגען**

דער פארשלאג וועט אפשאפן דעם פאדערונג, אז יעדער צוריקגעמבארע דערלויבעניש מוז דורכגיין א פובליק הערונג. אנשטאט דעם, וועלן דער DOT אדער דער OTI קענען אליין באשליסן אויב ס'איז נויטיג צו אפהאלטן א פובליק הערונג אויף א צוריקנעמבארע דערלויבעניש פארשלאג.

מעלדונג וועגן א פובליק הערונג פאר צוריקנעמבארע דערלויבעניש אדער א קאנצעסיע וועט מער נישט דארפן ערשיינען אין צייטונגען, און מען וועט נאר דארפן מעלדן אין די שטאט רעקארד במשך 6 טעג, אנשטאט 15. דער DOT אדער דער OTI וועלן דארפן מעלדן איבער א פארלאנג פאר צוריקנעמבארע דערלויבעניש דעם קאמיוניטי באורד, דעם שטאט־ראט מעמבער און דעם בארא פרעזידענט, און זיי געבן די געלעגנהייט ארייינצוגעבן אנמערקונגען.

קאפע־הייזער אויפן טראטואר וועלן ווערן באהאנדלט לויט דעם זעלבן פראצעדור ווי אלע אנדערע צוריקנעמבארע דערלויבענישן. דאס מיינט אז די שטאט־ראט וועט מער נישט האבן די מאכט זיך קעגנשטעלן צו געבן צוריקנעמבארע דערלויבעניש פאר א קאפע־הויז אויפן טראטואר.

**אריינגיין אין קראפט**

די פארגעלייגטע פארערעכטונגען צום טשארטער וועלן ווערן גילטיג מערץ 1 2027, און וועלן נישט אנגיין אויף סיי וועלכע פארלאנג פאר צוריקנעמבארע דערלויבעניש וואס זענען אריינגעגעבן געווארן פאר יענעם דאטום.

יולי 23, 2026

# פראגע 2 אויפן בעלאט

## פארגעלייגטע פארערעכטונג צום טשארטער: פארקלענערן ביוראקראטיע פאר שטאט קאנטראקטארן; פאדערן באשטימטע זיצונגען פון די איינקויף פאליסי באורד (Procurement Policy Board)

דער פארשלאג וועט מאכן פארשיידענע ענדערונגען אין די שטאט געזעצן וואס רעגולירן דעם איינקויף פראצעדור. עס וועט ערלויבן דער איינקויף פאליסי באורד צו פאראיינפאכן א פראגעבויגן וואס קאנטראקטארן מוזן אויספילן איידער זיי קענען זיך איינגעבן אויף שטאטישע קאנטראקטן כדי צו פארקלענערן די לאסט אויף קליינע געשעפטן וואס ארבעטן מיט דער שטאט; אפשאפן א פאדערונג אז שטאט אגענטורן זאלן יעדעס יאר אפהאלטן א פובליק הערונג איבער דעם באריכט פון קליענט-סערוויסעס קאנטראקטן; אויטאריזירט דעם מעיאר צו באשטעטיגן געוויסע קאנטראקטן צו אגענטורן; און וועט פאדערן, אז די איינקויף פאליסי באורד זאל אפהאלטן זיצונגען כאטש איין מאל יעדן פערטל יאר כדי צו שטארקן דורכזיכטיגקייט אין די איינקויף כללים פון דער שטאט-ראט.

### יעצטיגע פראצעדורן

היינט צו טאג, ווערן געפאדערט דער מעיאר און דער שטאט קאמפטראלער (Comptroller) צו דערהאלטן א פראגעבויגן וואס צוקונפטיקע שטאט קאנטראקטארן מוזן אויספילן. די באזונדערע פראגעס זענען באשטימט אין די ארטיגע געזעץ און אנטהאלטן קאמפליצירטע און ספעציפישע פאדערונגען. אלע קאנטראקטארן וואס פאלן אונטער דער פאדערונג מוזן אויספילן דעם זעלבן פראגעבויגן. דער מעיאר און דער קאמפטראלער טראגן צוזאמען די אחריות פאר אלע פאליסי באשלוסן וואס באציען זיך צו דעם פראגעבויגן. אגענטורן וואס געבן קליענט סערוויסעס קאנטראקטן מוזן יעדעס יאר צוגרייטן א פלאן און א צייט־פלאן פאר אזעלכע קאנטראקטן און אפהאלטן א פובליק הערונג איידער דער פלאן און דער צייט-פלאן ווערט פארענדיגט.

דער מעיאר און דער דירעקטאר פון דעם מעיאר'ס אפיס פון קאנטראקט סערוויסעס זענען אויטאריזירט איבערצוגעבן פארשיידענע אויטאריטעטן וואס זיי האבן איבער קאנטראקט באשטעטיגונגען צו די הויפט קאנטראקט אפיצירן פון אגענטורן. אבער דער מעיאר טאר נישט איבערגעבן די אויטאריטעט צו באשטעטיגן קאנטראקטן וואס זענען ווערד העכער 5 מיליאן דאלאר, און זיי ווערן געגעבן דורך אן אנדער וועג ווי א קאנקורענץ באזירטן פארשלאג.

דער טשארטער שטעלט אוועק די איינקויף פאליסי באורד, וואס באשטימט די כללים פאר די איינקויף פראצעדורן פון דער שטאט. די באורד באשטייט פון דריי מיטגלידער באשטימט דורך דעם מעיאר און צוויי מיטגלידער באשטימט דורך דעם קאמפטראלער. די באורד ווערט נישט געפאדערט צו אפהאלטן א זיצונג סיי ווען.

### די פארגעלייגטע ענדערונגען

דער פארשלאג וועט אויטאריזירן דעם איינקויף פאליסי באורד צו באשטימען דעם אינהאלט פון דעם פראגעבויגן וואס צוקונפטיקע שטאט קאנטראקטארן דארפן אויספילן. די איינקויף פאליסי באורד וועט זיין אויטאריזירט צו מאכן כללים וואס אויטאריזירן געוויסע קאנטראקטארן, אריינגערעכנט קאנטראקטארן מיט קאנטראקטן אונטער א באשטימטן געלט שוועל אדער קליינע געשעפטן, צו ענטפערן אנדערש אדער בלויז אויף טייל פון די פראגעס צו פארקלענערן די לאסט אויף די קאנטראקטארן. דער מעיאר'ס קאנטראקט סערוויס אפיס וועט זיין פאראנטווארטליך אויסצופירן די פאליסיס וואס וועט באשטימט ווערן אין יענע כללים. די דערלויבעניש און קאנצעסיע איבערזיכט קאמיטעט וועט ווערן אויטאריזירט צו באנוצן די זעלבע מאכט וואס איז פארבונדן צום פראגעבויגן ווי די איינקויף פאליסי באורד לגבי דערלויבענישן און קאנצעסיעס.

אגענטורן וואס געבן קליענט סערוויס קאנטראקטן וועלן מער נישט ווערן געפאדערט צו פארעפנטליכן א סכעמע פון זייער קליענט סערוויס פלאן און אפהאלטן א פובליק הערונג לגבי אזא פלאן. זיי וועלן נאך אלץ מוזן צוגרייטן אזא פלאן יעדעס יאר.

דער מעיאר וועט אויך קענען איבערגעבן די אויטאריטעט צו באשטעטיגן קאנטראקטן וואס זענען ווערד העכער 5 מיליאן דאלאר וואס ווערן געגעבן דורך אן אנדערע וועג ווי א קאנקורענץ-באזירטע פארשלאג צו די הויפט קאנטראקט אפיצירן פון די אגענטורן, מיט דער צושטימונג פון דעם אגענטור'ס קאמיסאר.

דער פארשלאג וועט אויך מאכן שטענדיק די אויטאריטעט פאר די שטאט צו באשטימען א פובליק מעלדונג און צייט פאר אנמערקונגען, אנשטאט א פובליק הערונג, אויף קאנטראקטן העכער א געוויסע געלט שוועל. דאס וועט אויטאריזירן דעם איינקויף פאליסי באורד אוועקצושטעלן די שוועל פון די סומע,ביי וועלכע קאנטראקטן ווערן אפהענגיק אינעם פאדערונג פאר פובליק מעלדונג און אנמערקונגען.

די איינקויף פאליסי באורד וועט ווערן געפאדערט צו אפהאלטן א זיצונג יעדער פערטל יאר. עס וועט אויך זיין אויטאריזירט צו העכערן דעם מינימום ווערט פון קאנטראקטן פאר וועלכע אגענטורן מוזן אננעמען פובליק אנמערקונגען.

**ארייננגיין אין קראפט**

די פארערעכטונגען פארן טשארטער אויטאריזירן דעם מעיאר צו באפולמאכטיגן די הויפט קאנטראקט אפיצירן פון אגענטורן, וואס טוען אפשאפן די פאדערונג פאר אגענטורן צו אפהאלטן א פובליק הערונג איבער דעם קליענט סערוויס פלאן, און אויטאריזירן די איינקויף פאליסי באורד צו באשטימען כללים פארן פרי-קאנטראקט פראגעבויגן וואס וועלן ארייננגיין אין קראפט באלד נאך דער באשטעטיגונג פון דער פארשלאג דורך די וויילער.

די פאדערונג, אז די איינקויף פאליסי באורד זאל אפהאלטן זיצונגען יעדער פערטל יאר, וועט ווערן גילטיג יאנואר 1, 2027.

די אויטאריזאציע פאר די איינקויף פאליסי באורד צו העכערן דעם מינימום ווערט פון קאנטראקטן פאר וועלכע אגענטורן מוזן אננעמען פובליק אנמערקונגען וועט ווערן גילטיג אקטאבער 1, 2030.

# פראגע 3 אויפן בעלאט

## פארגעלייגטע פארגעכטונג צום טשארטער: פארשנעלערן גאס־זיכערהייט־פראיעקטן, רעאליזירן אומבאנוצטע שטאטישע באדנס, און דינגען אפיסעס

### אבסטראקט

דער פארשלאג וועט פאראיינפאכן דעם פראצעדור פון באשטעטיגן גאס־זיכערהייט פראיעקטן דורך אפשאפן געוויסע פאדערונגען פון בארעטונג אינערהאלב און צווישן שטאט אגענטורן. דער פארשלאג וועט אויך ערלויבן דעם דעפארטמענט פאר אדמיניסטראטיווע סערוויסעס איבערן שטאט (DCAS) צו פארקויפן אדער איבערגעבן קלענערע שטאטישע באדנס און אנטוויקלונג רעכטן דורך נוצן א פארשנעלערטן לאנד־נוץ אפשאצונג פראצעדור. דערצו וועט עס מאכן שטענדיק א פראגראם וואס ערלויבט דעם DCAS צו פארקויפן געוויסע באדנס וואס זענען נישט פאסיג פאר אנטוויקלונג, אן א פובליק ליציטאציע, און וועט פארשנעלערן דעם פראצעדור פון קריגן אפיס־פלאץ פאר שטאט אנגעשטעלטע דורך אפשאפן דעם פובליק הערונג פאר דער שטאט־פלאנירונג קאמיסיע און די איבערקוק פון שטאט־ראט.

### גאס-זיכערהייט פראיעקטן

היינט צו טאג, פאדערט די ארטיגע געזעץ פון שטאטישע אגענטורן נאכצוגיין געוויסע פראצעדורן איידער זיי קענען דורכפירן א "צענטראלע טראנספארטאציע פראיעקט." אזעלכע פראיעקטן ווערן באשריבן ווי פראיעקטן וואס ענדערן דעם לויף פון א גאס, אריינגערעכנט אפשאפן א דורכפאר־ליין אדער א פארקינג־ליין, אויף א לענג פון מער ווי פיר נאכאנאנדיקע גאסן אדער 1,000 פיס. אויך פראיעקטן וואס לייגן צו אדער נעמען אוועק א ביציקל־ליין פון סיי וועלכע לענג. אלץ א טייל פון דעם פראצעדור, מוז יעדער אגענטור וואס פירט אויס א גרויסע טראנספארטאציע פראיעקט (לרוב איז דאס דער דעפארטמענט פון טראנספארטאציע, אדער DOT) מעלדן פארשיידענע אנגעשטעלטע און דעם ארטיקן קאמיוניטי באורד און פארשטעלן דעם פראיעקט פארן קאמיוניטי־באורד אויב פארלאנגט. די אגענטור מוז אויך זיך בעראטן מיט אנדערע אגענטורן, אריינגערעכנט די פאליציי־דעפארטמענט, די פייער־דעפארטמענט, די דעפארטמענט פאר קליינע געשעפטן סערוויסעס, און דער מעיאר'ס אפיס פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס. די פייער־דעפארטמענט מוז אויך זיך בעראטן מיט די ארטיקע פייער־סטאנציעס וואס קענען ווערן באטראפן פון דעם גרויסן פראיעקט. די אגענטור וואס פירט אויס דעם פראיעקט מוז באשטעטיגן, אז די אלע קאנסולטאציעס זיינען טאקע דורכגעפירט געווארן. די פאדערונגען פון אזעלכע באשטעטיגונגען און פרעזענטאציעס קענען פארשאפן פארשפעטיגונג אין דער דורכפירונג פון גאס־זיכערהייט פראיעקטן.

די פארגעלייגטע פארעכטונג צום טשארטער וועט אפשאפן יעדער פאדערונג אז אן אגענטור מיט וועלכער מען בעראט זיך וועגן א גרויסע טראנספארטאציע פראיעקט מוז זיך בעראטן מיט אנדערע אגענטן אויסער דעם הויפט פון יענער אגענטור. אזוי ארום, וועט דער פייער־דעפארטמענט מער נישט מוזן זיך בעראטן מיט די באטראפענע פייער־סטאנציעס ווען דער DOT לייגט פאר א גרויסן טראנספארטאציע פראיעקט. דערצו, וועט די פארגעלייגטע פארעכטונג קלאר מאכן אז דער DOT מעג באשליסן אז עס באשטייט א דרינגלעכע נויט באלד דורכצופירן א פראיעקט כדי צו באשיצן פובליק זיכערהייט לויט די פאקטארן אריינגערעכנט טראפיק־אומגליק דאטן, אזוי אז אן אגענטור וועט קענען אנהייבן ארבעטן אויף אזא פראיעקט נאך איידער מען גיט די פארגעשריבענע מעלדונג צו דעם באטראפענעם שטאט־ראט מעמבער, סענאטאר, אסעמבלי־מעמבער און די קאמיוניטי באורד.

צום סוף ווערט באשטימט, אז א דורכפאל אין דורכפירן בארעטונג מיט אן אגענטור וועט נישט מאכן דעם פראיעקט אומגילטיג. אויב דער פאררעכטונג צום טשארטער ווערט אנגענומען, וועט דער DOT נאך אלץ מוזן זיך בעראטן מיט אנדערע אגענטורן איידער מען פירט אויס א גרויסן טראנספארטאציע פראיעקט. אבער טעכנישע טעותים אדער

אומגעפלאנטע פארזעענישן נאכצוגיין דעם פראצעדור זענען נישט א סיבה אפצושטעלן אדער אפשאפן א גאס־זיכערהייט פראיעקט.

**רעאליזירן שטאטישע באדנס**

דער פארשלאג וועט: (1) ערמעגליכן צו פארקויפן שטאטישע באדנס וואס זענען נישט גרעסער פון 10,000 קוואדראט־פיס און מיט אנטוויקלונג רעכטן וואס געפינען זיך אויף שטאטישע היסטארישע ערטער, דורך דעם פארשנעלערטן לאנד־נוץ אפשאצונג פראצעדור, (2) מאכן שטענדיק א פראגראם וואס ערלויבט צו פארקויפן לאנד וואס איז נישט פאסיק פאר אנטוויקלונג צו די שכנות'דיגע אייגנטימער אן א פובליק ליציטאציע, און (3) אפשאפן איינס פון די פובליק הערונגען וואס ווערן היינט געפאדערט נאך דעם וואס די שטאט האט שוין באקומען ערלויבעניש איבערצוגעבן זיין באדן.

היינט צו טאג, פאדערט דער טשארטער אז DCAS זאל נאכגיין פארשיידענע פראצעדורן ביים פארקויפן, פארדינגען, אדער אנדערש איבערגעבן שטאטישע באדנס. מיט באגרעניצטע אויסנאמען, דאס פארקויפן, פארדינגען, און אנדערע סארט רעאליזירן פון שטאטישע באדנס מוזן דורכגיין איבערזיכט דורך די איינארטיגע פראצעדור איבערצוקוקן לאנד באנוץ (Uniform Land Use Review Procedure, ULURP) – א זיבן-מאנאטיגע איבערזיכט פראצעדור וועלכע הייבט זיך אן מיט עצות פון די באטראפענע קאמיוניטי באורד און דער פרעזידענט פונעם בארא, באגלייט מיט אן איבערזיכט און וואלן ביי די קאמיסיע פאר שטאט פלאנירונג און די שטאט-ראט. איינמאל די שטאט דערהאלט דערלויבעניש צו רעאליזירן איר באדן, מעג מען דאס פארדינגען אדער פארקויפן דורך א פובליק ליציטאציע פאר דער וואס צאלט די העכסטע פרייז.

איין אויסנאם צו די פאדערונגען ערלויבט DCAS צו פארקויפן געוויסע לאנד וואס איז נישט פאסיק פאר אנטוויקלונג צו שכנות'דיגע אייגנטימער אן א פובליק ליציטאציע דורכן באנוצן די פארשנעלערטע פראצעדור פון לאנד באנוץ איבערזיכט (Expedited Land Use Review Procedure, ELURP) – א פראצעדור פון איבערזיכט וועלכע שטעלט צו א צייט-אפשניט פון 60-טעג פאר א קאמיוניטי באורד מיט א פובליק הערונג, און גלייכצייטיגע איבערזיכט דורך דער פרעזידענט פונעם בארא, באגלייט דורך א פובליק הערונג און אן ענדגילטיגע באשלוס פונעם קאמיסיע אויף שטאט פלאנירונג, אבער אן נאכפאלגנדע איבערזיכט פונעם שטאט-ראט. די נישט-אנטוויקלטע שטחים קענען יעצט פארקויפט ווערן צו שכנות'דיגע אייגנטימער אן א פובליק ליציטאציע, אבער דער אויסנאם פון די פובליק ליציטאציע פאדערונג גייט אויס אין יאר 2030.

דערצו, אויב מער ווי צוויי יאר זענען אריבער פונעם ענדגילטיגן באשטעטיגונג צו רעאליזירן אין איינקלאנג צו ULURP און דער דורכפירן אן אפמאך פון אקטועלע רעאליזירונג פון אזא באדן, מוז די שטאט אפהאלטן נאך א הערונג מיט מעלדונג פארן פובליק 45 טעג פאראויס פון דעם הערונג.

דער פארשלאג וועט פארערכטן דעם פראצעדור אין עטליכע אופנים. ערשטנס, וועט עס ערמעגליכן DCAS צו פארקויפן, פארדינגען, אדער רעאליזירן שטאטישע באדנס וואס זענען קלענער פון 10,000 קוואדראט־פיס וואס זענען נישט באשטימט אלץ באשיצטע היסטארישע ערטער אדער וואס באשטייט נאר פון אנטוויקלונג רעכטן אויף א שטאט און וועט אפשאפן טייל פון די צוגעלייגטע עפנטליכע הערונגען וואס זיינען ביז איצט געווען נויטיק אין פאלן ווו א לאנגע צייט איז פארביי צווישן דער באשטעטיגונג פון דער אפמאך און איר דורכפירונג.

**איינשאפן אפיס פלעצער**

היינט צו טאג, יעדער פארשלאג צו איינשאפן אפיס פלאץ פאר שטאטישע אנגעשטעלטע, אריינגערעכנט דינגען אפיס פלאץ אין עקזיסטירנדע געביידעס, מוז דורכגיין א פראצעדור פון מעלדן די ארטיגע קאמיוניטי באורד און אלע בארא פרעזידענטן; א הערונג און וואלן דורך די קאמיסיע פאר שטאט פלאנירונג; און געבן א געלעגנהייט פאר די שטאט-ראט זיך קעגנשטעלן צום דינגען דורך צוויי-דריטל פון וועלער. למעשה, פירט די DCAS לאנגע פארהאנדלונגען מיט אייגנטימער פון אפיס געביידעס איידער עס לייגט פאר אן איינקויף אדער אן אפמאך צו דינגען פאר די קאמיסיע פאר שטאט פלאנירונג און די שטאט־ראט.

דער פארגעלייגטער פאררעכטונג צום טשארטער וועט אפשאפן די פאדערונג פון א הערונג און באשטעטיגונג דורך דער קאמיסע פאר שטאט פלאנירונג און די מאכט פונעם שטאט־ראט זיך קעגנצושטעלן אזא אפיס אפמאך. אנשטאט דעם וועט דער קאמיסאר פון DCAS מוזן אויפווייזן אז דער איינקויף איז אין דער בעסטער אינטערעס פון דער שטאט. און מוזן מעלדן וועגן דער כוונה צו איינשאפן אפיס פלאץ דעם ארטיגן קאמיוניטי באורד, דעם שטאט־ראט מעמבער, און דעם בארא פרעזידענט, און נאך דער פארענדיגן דער אפמאך מעלדן די שטאט־ראט און דעם קאמפטראלער.

**אריינגיין אין קראפט**

די פארגעלייגטע פאררעכטונגען צום טשארטער וועלן ווערן גילטיג גלייך נאך דער אפיציעלער באשטעטיגונג אז די ווילער האבן אנגענומען דעם פארשלאג, אויסער דעם טייל אז דער פארשלאג צו מאכן שטענדיג די אויטאריזאציע פאר DCAS צו פארקויפן געוויסע באדנס וואס זענען נישט פאסיג פאר אנטוויקלונג צו שכנות'דיגע אייגנטימער אן א פובליק ליציטאציע וועט אריינגיין אין קראפט דעצעמבער 31, 2030.

# פראגע 4 אויפן בעלאט

## פארגעלייגטע פארערכטונג צום טשארטער: פאראייפאכן דעם פראצעדור פון בוי ערלויבעניש און אריבערפירן די אויפגאבע פון דערלויבענישן פאר וואסערפראנט צום דעפארטמענט פון געביידעס

דער פארשלאג וועט אויטאריזירן דעם קאמיסאר פון דעם דעפארטמענט פון געביידעס (DOB) צו באשטימען נאך דעפוטאט קאמיסארן און נאך בארא קאמיסארן, וואס קענען באשטעטיגן בוי פלענער אלץ א טייל פון דעם דערלויבעניש פראצעדור. דער פארשלאג וועט אויך אנווייזן דעם DOB, אין צוזאמענארבעט מיטן דעפארטמענט פון באשוצן די סביבה, דער פייער דעפארטמענט, און דער דעפארטמענט פון טראנספארטאציע, צו אנטוויקלען א צענטראלע סיסטעם פאר אריינגעבן בקשות פאר בוי ערלויבענישן און זייער באשטעטיגונג. צום סוף, וועט דער פארשלאג אריבערפירן די אחריות פאר בוי דערלויבענישן אין די וואסערפראנט געביטן פון דעם דעפארטמענט פאר קליינע געשעפטן סערוויסעס צום DOB.

**יעצטיגע פראצעדורן**

צו היינטיגן טאג, אויטאריזירט די טשארטער דעם DOB קאמיסאר צו באשטימען בלויז צוויי דעפוטאט קאמיסארן, אריינגערעכנט א הויפט דעפוטאט קאמיסאר (First Deputy Commissioner). דער טשארטער פאדערט אויך פון דעם DOB קאמיסאר צו באשטימען איין אויפזעער אין יעדן בארא. בוי־פלענער מוזן ווערן באשטעטיגט דורך דעם קאמיסאר, א דעפוטאט קאמיסאר, אדער א בארא אויפזעער.

איידער מען הייבט אן א נייעם בוי־פראיעקט, מוז דער אפליקאנט באקומען ערלויבעניש פון פארשיידענע שטאטישע אגענטורן. דער DOB איז פאראנטווארטליך פאר רוב בוי־דערלויבענישן; דער פייער־דעפארטמענט קאנטראלירט פלענער און גיט ארויס דערלויבענישן פאר פייער־אלארם סיסטעמען; דער דעפארטמענט פאר באשוצן די סביבה קאנטראלירט און באשטעטיגט פלענער צו פארמיידן פארפעסטיגונג פון רעגן־וואסער; דער דעפארטמענט פאר טראנספארטאציע גיט ארויס דערלויבענישן צו נוצן טיילן פון דער גאס בעת די בוי־ארבעט. יעדער אגענטור האט איר אייגענעם סיסטעם דורך וועלכן אפליקאנטן דארפן אריינגעבן די דאקומענטן צו איבערקוקן און ווערן באשטעטיגט.

אין רוב טיילן פון דער שטאט איז דער DOB פאראנטווארטליך צו דורכפירן די זאונינג־רעזולאציע און די בוי־קאודן. אבער דער דעפארטמענט פאר קליינע געשעפטן סערוויסעס איז פאראנטווארטליך פארן איינפירן און ארויסגעבן דערלויבענישן פאר געוויסע געביידעס לענגאויס די וואסערפראנט, אריינגערעכנט ים-סטרוקטורן, און געביידעס און שטאטישע לאנד.

**די פארגעלייגטע ענדערונגען**

דער פארשלאג וועט אויטאריזירן דעם DOB קאמיסאר צו באשטימען מער ווי צוויי דעפוטאט קאמיסארן ווען עס איז נויטיג. דער קאמיסאר וועט קענען באפולמאכטיגן די דעפוטאט קאמיסארן, לויט געוויסע באגרעניצונגען. דער פארשלאג וועט אויך אויטאריזירן דעם קאמיסאר צו באשטימען א בארא קאמיסאר אנשטאט א בארא אויפזעער אין יעדן בארא און וועט ערלויבן דעם קאמיסאר צו באשטימען נאך בארא קאמיסארן וואס קענען באשטעטיגן בוי־פלענער איבערן שטאט.

דער פארשלאג וועט אנווייזן דעם DOB צו אנטוויקלען א צענטראלע סיסטעם פאר אריינגעבן בקשות פאר בוי-דערלויבענישן און פאר ארויסגעבן דערלויבענישן און באשטעטיגונגען, לויט דער בודזשעט. אנדערע אגענטורן וואס גיבן ארויס בוי-דערלויבענישן און באשטעטיגונגען פאר נייע קאנסטרוקציע, אריינגערעכנט דער דעפארטמענט פאר באשוצן

די סבֿיבֿה, דער פייער-דעפּאַרטמענט און דער דעפּאַרטמענט פאַר טראַנספּאָרטאַציע, וועלן אויך מוזן צוזאַמענאַרבעטן מיטן DOB צו אַנטוויקלען דעם סיסטעם און אַננעמען בקשות דורך דעם סיסטעם. דער סיסטעם דאַרף ווערן פאַרענדיקט ביז יאָר 2030, אָדער שפּעטער לויט ווי דער DOB באַשליסט איז מעגלעך.

צום סוף, וועט דער פאָרשלאַג אַריבערפירן די אחריות פאַר וואַסערפּראַנט קאַנסטרוקציע דערלויבענישן פונעם דעפּאַרטמענט פאַר קליינע געשעפטן סערוויסעס צום DOB. דער DOB וועט איינפירן די זאָונינג רעזאָלוציע און די בוי־קאָודן לענגאויס די וואַסערפראַנט. עקזיסטירנדע דערלויבענישן און באַשטעטיגונגען וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם דעפּאַרטמענט פאַר קליינע געשעפטן סערוויסעס אָדער פריערדיגע אַגענטורן וועלן בלייבן אין קראַפט.

**אַריינגיין אין קראַפט**

די פאָרגעלייגטע פאַרענדערונגען צום טשאַרטער וואָס פירן אַריבער די אחריות פאַר בוי דערלויבענישן אין די וואַסערפּראַנט געביטן צום DOB וועלן ווערן גילטיג דעצעמבער 31, 2030, אָדער ווען עס וועט אַריינגיין אין קראַפט אַ נייער קאָוד וואָס רעגולירט בויען, ענדערן און אַפּרייסן אין די וואַסערפּראַנט סטרוקטורן, וועלכע פון די צוויי עס קומט פריער. די אַנדערע פאַרענדערונגען צום טשאַרטער אין דעם פאָרשלאַג וועט ווערן גילטיג גלייך נאָך דער אָפיציעלער באַשטעטיגונג אַז די וויילער האָבן אָנגענומען דעם פאָרשלאַג.

# פראגע 5 אויפן בעלאט

## פארגעלייגטע פארעכטונג צום טשארטער: באשטימען אפשפאר צילן פאר א פארוואלקנטן טאג פאנד (Rainy Day Fund) צו פארזיכערן א פאסיגע בודזשעט אין די רעזערוון

דער פארשלאג וועט באשטימען א ציל פון א סומע געלט וואס די שטאט דארף האלטן אין דעם פאנד פאר סטאביליזירן הכנסות (אויך באקאנט אלץ "פארוואלקנטן טאג פאנד") און אנדערע רעזערוו פאנדן. דער מעיאר'ס אפיס פון פארוואלטונג און בודזשעט וועט מוזן פארעפנטליכן א שטייגער פון איינצאלונגען פארן פארוואלקנטן טאג פאנד. די איינצאלונגען וועלן געפאדערט ווערן אין איינקלאנג צו דעם שטייגער, אפהענגיק צו א באשטעטיגונג אין דעם יערליכן בודזשעט פראצעדור. דער שטייגער וועט דורכגיין א צייט-אפשניט פון 30 טעג פאר פובליק אנמערקונגען און א פובליק הערונג. די שטאט טאר נישט ארויסנעמען מער פון 50 פראצענט פונעם סומע אין פאנד, אויסער אויב דער מעיאר שטעלט פאר קלאר אן איבערצייגנדע פינאנציעלע נויט.

**פאנד פאר א פארוואלקנטן טאג**

א פאנד פאר א פארוואלקנטן טאג איז א פאנד וואו מען לייגט אין זייט איבערגעבליבענע הכנסות פון איין יאר צו באנוצן אין קומענדיגע יארן, כדי צו אנפילן לעכער אינעם בודזשעט וואס ווערן געשאפן, למשל, דורך אן עקאנאמישע אפשוואכונג, נויטפאלן, אדער אן אומגעריכטע אונטערגאנג אין הכנסות. אזא פאנד קען דינען אלץ אן אלטערנאטיוו צו הייבן שטייערן אדער אפשניידן סערוויסעס אין צייטן פון פינאנציעלע נויט.

אין יאר 2019, האבן די ווײלער אין ניו יארק באשטעטיגט פאררעכטונגען צום טשארטער וואס ערלויבן די שטאט אויפצושטעלן א פאנד פאר א פארוואלקנטן טאג, און אין יאר 2020, האט דער לעגיסלאטאר געמאכט פאסיגע ענדערונגען אין די סטעיט געזעצן. די געזעצן פאדערן נישט פון די שטאט איינצוצאלן אדער האלטן סיי וועלכע באשטימטע סומע געלט אין דעם פאנד. אנשטאט דעם, איז דער באשלוס אויב מען זאל ארײנלייגן געלטער אינעם פאנד איבערגעלאזט פארן מעיאר און דעם שטאט-ראט דורך דעם יערליכן פארהאנדלונג איבערן בודזשעט.

די געזעצן פון די סטעיט פארבאטן די שטאט צו פארנוצן מער פון 50 פראצענט פונעם סומע געלט אינעם פאנד אויסער אויב דער מעיאר שטעלט פאר קלאר אן איבערצייגנדע און וויכטיגע פינאנציעלע נויט.

**די פארגעשלאגענע ענדערונגען**

דער פארשלאג וועט אוועקשטעלן א ציל אז די שטאט זאל האלטן אין דעם פאנד פאר א פארוואלקנטן טאג און אין אנדערע רעזערוו פאנדן א סומע וואס איז גלייך צו 12 פראצענט פון די שטאטישע הכנסות פון שטייערן וואס זענען ארײנגעקומען אין דעם פאריגן פינאנץ יאר.

דער אפיס פאר פארוואלטונג און בודזשעט (OMB), אין בעראטונג מיטן קאמפטראלער, וועט אויך מוזן פארעפנטליכן א שטייגער וואס באשרייבט וויאזוי מען זאל איינצאלן געלט אינעם פאנד יעדן מאל וואס דער באלאנס אין פאנד איז קלענער פונעם אויבנדערמאנטן סומע. דער שטייגער וועט מוזן נעמען אין באטראכט דער ריכטונג פון וואוקס פון די הכנסות, וויפיל איז דער איבערבלייב פון די שטאט קאסע, און יעדער אנדערער פאקטאר וואס איז וויכטיג צו פארזיכערן אן ארדנטליכע פינאנציעלע פירונג. דער שטייגער וועט קענען באשטימען אז די איינצאלונגען זאלן ווערן געמאכט דורך עטליכע יארן כדי צו דערגרייכן דעם ציל, און אז מען זאל נישט איינצאלן געלט אין די יארן ווען די שטאט לײדט פון פינאנציעלע שוועריגקייטן, אויך אויב מען האט נישט דערגרייכט דעם ציל. איינצאלונגען פארן פאנד לויט דעם שטייגער וועט זיין אפהענגיק צו א באשטעטיגונג אינעם בודזשעט פראצעדור, מיטן צושטימונג פונעם מעיאר און די שטאט-ראט.

דער שטייגער וועט מוזן פארעפנטליכט ווערן ביז מאי 2027, און אפדעיטעד ביז מאי 2030 און דערנאך כאטש איינמאל יעדער פיר יאר.

פארן פארעפנטליכן דעם אויספירליכן שטייגער, וועט OMB מוזן פארעפנטליכן א פארגעלייגטן מוסטער פונעם שטייגער אין דעם שטאטישן רעקארד כאטש 30 טעג פארן אפהאלטן א הערונג. כאטש 30 טעג פארן פארעפנטליכן דעם פארגעלייגטן מוסטער, וועט OMB מוזן שיקן דעם שטייגער פארן ספיקער פונעם שטאט-ראט, דעם סטעיט קאמפטראלער, און די פינאנציעלע קאנטראל באורד פון ניו יארק סטעיט.

דער פארשלאג וועט אויך פארבאטן די שטאט ארויסצוגעמען מער פון 50 פראצענט פון די געלט אין פאנד אויסער אויב דער מעיאר שטעלט קלאר אן איבערצייגנדע און וויכטיגע פינאנציעלע נויט, כדי דאס זאל שטימען מיט די געזעצן פון די סטעיט.

**איינפירונג**

די פארגעלייגטע פארעכטונג וועט אריינגיין אין קראפט גלייך נאך אפיציעלע באשטעטיגונג אז די ווילער האבן אנגענומען דעם פארשלאג.